# שיחות קודש

## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

**פרשת אחרי שנת תשפ"ד לפ"ק**

## בסעודת נעילת החג

אחרון של פסח תשפ"ד לפ"ק

**די** גמרא (ברכות ט:) זאגט, כל הסומך גאולה לתפלה, אינו ניזוק כל היום כולו, ווען א מענטש איז מסמיך גאולה לתפלה, ווערט ער נישט ניזוק דעם גאנצן טאג. מען דאווענט דאך יעדן טאג, א מענטש זאגט קריאת שמע און נאכדעם זאגט ער תפלה. קריאת שמע האט אין זיך ברכות קריאת שמע, ברכות לפניה און ברכות לאחריה. די ברכה נאך קריאת שמע ענדיגט זיך ברוך אתה ה' גאל ישראל, און נאכדעם דאווענט מען שמונה עשרה. זאגט די גמרא, ווען א מענטש איז מסמיך גאולה לתפלה, ער איז נישט מפסיק, נאר נאך גאל ישראל זאגט ער שמונה עשרה, אינו ניזוק, ווערט ער דעם טאג נישט געשעדיגט. די גמרא לערנט עס אראפ פון א פסוק (תהלים יט-טו) קאפיטל י"ט ענדיגט זיך ה' צורי וגואלי, און די אנדערע קאפיטל הייבט זיך אן, יענך ה' ביום צרה. גואלי דאס איז גאולה, און יענך ה' ביום צרה, דאס איז תפלה. אז ווען א מענטש איז מסמיך גאולה לתפלה, איז יענך ה' ביום צרה.

**זאגט** די גמרא, אז רבי זירא האט געזאגט, איני, עס איז נישט אמת, איך האב מסמיך געווען גאולה לתפלה, און איך בין יא ניזוק געווארן. האט מען אים געפרעגט, וואס איז געווען די היזק וואס דו ביסט ניזוק געווארן? האט ער פארציילט, וואס ער איז געשעדיגט געווארן, און מען האט אים נאכדעם איבערגעצייגט, אז דער היזק וואס ער האט געמיינט אז עס איז א היזק, איז נישט געווען קיין היזק, עס איז געווען א טובה.

**נאכדעם** זאגט די גמרא, אז רבי אלעא האט געהאט א ברודער רב ברונא וואס ער האט געוואוינט אין ארץ ישראל, און ווען עולא איז ארויפגעגאנגען פון חוץ לארץ אויף ארץ ישראל, האט רבי אלעא געזאגט פאר עולא, זאלסט איבערגעבן א גרוס, שואל זיין בשלום פון מיין ברודער רב ברונא. און ער האט געזאגט אויף אים צוויי טיטלען, איינס, אז ער איז א אדם גדול, א גרויסער מענטש, און ושמח במצות, ער פריידט זיך ווען ער קען טון א מצוה. און ער ברענגט א ראיה דערויף, אז איין טאג האט ער מסמיך געווען גאולה לתפלה, עס איז אים געלונגען צו דאווענען געהעריג, מסמיך זיין גאולה לתפלה, ולא פסיק חוכא מפומיה כוליה יומא, און עס האט זיך נישט אויפגעהערט די פרייד פון אים, א גאנצן טאג איז ער געווען מיט א שמייכל אויפן פנים, אז ער האט מסמיך געווען גאולה לתפלה.

**תוספות** שטעלט זיך שוין דערויף, אז עס דארף האבן א ביאור, אונז זעמיר אלע מסמיך גאולה לתפלה, און מען איז נישט מפסיק, און מען זעהט נישט אז עס זאל זיין אין אדם ניזוק, אז ער זאל דעם טאג נישט ניזוק ווערן. - און וואס האט ער געזאגט אז רב ברונא האט מסמיך געווען גאולה לתפלה, און

עס איז לא פסיק חוכא מפומיה כוליה יומא, ער איז געווען אזוי בשמחה, אז ער האט זיך נישט געקענט בארוהיגן א גאנצן טאג, ער איז דאך געווען א שמח במצות. ווען א מענטש געווינט א גרויס פארמעגן, איז ער אויך א גאנצן טאג פרייליך דערמיט. אפילו ער האט עס נאכנישט באקומען, ער ווייסט נאר אז ער גייט עס באקומען, איז ער אויך פרייליך. און אז ער האט געהאט א מצוה, וואס איז אים נישט אונטערגעקומען שטענדיג, איז ער געווען א שמח במצוות, איז ער געווען א גאנצן טאג בשמחה, עס האט אים געשיינט פונעם פנים, אז מען האט געקענט דערקענען אויף אים די פריילעכקייט פון די מצוה. עס מוז דאך זיין עפעס א ביאור וואס ליגט אין דעם, אז מען דארף מסמיך זיין גאולה לתפלה.

*

**מען** שטייט אין די אונטערשטע סעודה פונעם הייליגן יום טוב פון פסח. בראש כל מועדות נשאת פסח, פסח איז דער ראש פון אלע מועדות, דער קאפ פון אלע מועדות. אזוי ווי דער קאפ פונעם מענטש טראגט אלעס, אזוי ליגט אלעס אין פסח.

**פסח** איז א יום טוב פון אמונה, גלייבן אינעם אייבערשטען. עס איז נישט דער פשט צו געדענקן נאר דאס אז דער אייבערשטער האט געטון א ישועה פאר יודען, דאס דארף מען געדענקן יעדן טאג. יעדן טאג איז דא א מצוה למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך (דברים טז-ג), מען דארף שטענדיג געדענקן די ניסים וואס דער אייבערשטער האט געטון אין מצרים. נאר **ווען א מענטש איז זיך מתבונן אין די נסים וואס דער אייבערשטער האט געטון, ווערט ער איבערגעצייגט אז עס איז דא א בורא עולם!** אז עס איז דא א באשעפער וואס פירט די וועלט, און דער אייבערשטער קען טון מיט די וועלט וואס ער וויל. ווען ער איז נישט דער בורא עולם, קען ער נישט משדד זיין די טבע פון די וועלט כרצונו. און עס ווייזט אז **דער אייבערשטער איז א משגיח אויף די וועלט, אלעס איז מיט אן השגחה פרטיות פונעם אייבערשטען**. - דאס איז דער יום טוב פון פסח. דער יום טוב איז א חג פון אמונה אינעם אייבערשטען.

**אבער** יעדער גלייבט, מיר זענען אלע מאמינים בני מאמינים, אפילו א פשוט'ער יוד איז זיך גרייט מוסר נפש צו זיין, און זיך לאזן הרג'נען. אפילו ער האט נישט געהאלטן קיין שום זאך אין די תורה, אבער ווען עס קומט צו אמונה, ליגט דאס ארייגעבאקן אין יעדן יוד צו גלייבן. וואס גיט צו דער פסח, די גאנצע וואך פון זיין ארייגעטון אין זכר ליציאת מצרים, וואס גיט עס צו מער? אונז ווייס מיר שוין די אלע זאכן פון פאר דעם.

**דער** יום טוב דארף צוגעבן אז עס זאל לעבן אינעם מענטש די אמונה! עס זאל זיין אזוי ווי א זאך וואס איז פאר זיינע אויגן שטענדיג! עס איז נישט נאר וואס ער גלייבט, ווען מען וועט אים פרעגן, וועט ער זאגן יא. **אמונה דארף זיין אין א מענטש אויף אזא וועג, אז עס זאל שיינען ביי אים די אמונה, עס זאל זיין אזוי ווי א זאך וואס ער זעהט פאר די אויגן.** ווען ער זאגט אז דער רבונו של עולם איז דער בעל הבית פון די וועלט, און ער איז ממלא כל עלמין, וסובב כל עלמין, זאל דאס שיינען פאר זיינע אויגן, אז אם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו נאום ה' (ירמיה כג-כד). א מענטש גלייבט אין דעם, אבער ווען עס קומט למעשה איז כאילו עס איז נישט דא קיין עין רואה. און אויף דעם איז געשטעלט דער פסח, אריינצולייגן אין דעם מענטש די אמונה, אז עס זאל ליגן אינעם מענטש אין די ביינער, דאס וואס אונז האב מיר מקבל געווען אינעם יום טוב פון חג האמונה.

**ווען א יוד גלייבט אז דער אייבערשטער איז משגיח אויף אלעם וואס איז דא אין די וועלט, איז זיין גאנצער טאג מיט א שמחה, מיט א פריילעכקייט.** קיינער קען אים גארנישט טון, אין אדם נוגע במוכן לחבירו (יומא לח:), קיינער קען פון אים גארנישט צונעמען. וואס דער אייבערשטער טוט, איז מלא חסד, מאתו לא תצא הרעות, פונעם אייבערשטען איז נישט דא קיין שלעכטס, אלעס איז נאר גוט. צו ער פארשטייט יא, צו ער פארשטייט נישט, ער וועט שפעטער פארשטיין, און נישט אייביג ווייסט מען די טובה וואס איז געווען אויף די מינוט. מען דארף לעבן דערמיט! עס דארף זיין, אז נישט נאר אין מחשבה זאל ער עס געדענקן, נאר מיטהאלטן דערמיט. ווען עס קומט צום טאג טעגליכן לעבן, זאל שיינען ביי אים די אמונה וואס מען האט אריינגענומען פונעם יום טוב.

**די** וועלט זאגט נאך פונעם הייליגן **בארדיטשובער רב זי"ע**, ער איז געווען אן איידעם ביי א מתנגד, און

אלץ יונגערמאן, נאך די חתונה, איז ער אוועקגעפארן צו זיין רבי. ווען ער איז אהיים געקומען נאך א לענגערע צייט, האט אים דער שווער געפרעגט, וואס האסטו געלערנט ביי דיין רבי די צייט וואס דו ביסט געווען דארטן. האט ער געזאגט, איך האב געלערנט אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט! האט ער אנגעהויבן צו לאכן, ווער ווייסט נישט אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט. און ער האט אריינגערופן די שפחה, און ער האט איר געפרעגט, עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט? זאגט זי, אוודאי איז דא א באשעפער אויף די וועלט. נו וואס ביסטו געגאנגען צו דיין רבי, וואס האסטו געלערנט דארט. האט ער געענטפערט, יא, **זי 'זאגט' אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט, אבער איך 'ווייס' אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט!** צו 'זאגן' און 'וויסן', איז צוויי זאכן. זאגן אז איך גלייב אז עס איז אזוי, און צו שפירן טאקע אין טאג טעגליכן לעבן אז עס איז דא א רבונו של עולם, דאס ברענגט דער יום טוב פון פסח (מובא **בספרן של צדיקים** מערכת יא אות טז).

**איך** האב געהערט פון **מיין טאטע ז"ל**, אז וועגן דעם זאגט מען נאכן סדר אחד מי יודע, אחד אלקינו שבשמים וארץ. וואס עפעס איז מען יעצט מחדש מעשה בראשית, אחד מי יודע, אחד אלקינו שבשמים וארץ. האט ער געזאגט, א גאנץ יאר האט מען 'געזאגט' אז עס איז דא א רבונו של עולם אויף די וועלט, אבער ווען עס קומט נאכן סדר, נאך אזויפיל שעות וואס מען טראכט אריין אין די ניסים וואס דער אייבערשטער האט געטון, דעמאלטס קומט מען צו, צו אחד מי 'יודע', ווער איז דער וואס 'ווייסט' טאקע אז עס איז דא א באשעפער. נאכן סדר קען א מענטש זאגן, אחד אני 'יודע', אחד אלקינו שבשמים וארץ.

*

**ווען א יוד גלייבט אז אלעס איז פונעם אייבערשטען, איז ער אלעס מקבל מיט א שמחה.** עס איז נישט דא ביי אים קיין שלעכטס. ער איז מברך על הרעה כשם שמברך על הטובה (ברכות נד.), ווייל יעדע רעה מוז זיין אינעווייניג א טובה. **דער באשעפער טוט נישט קיין רעה פאר א מענטש, אן דעם וואס עס זאל נישט זיין אינעווייניג באהאלטן עפעס גוטס.** אז עס איז געקומען, ליגט דערין א טובה פארן מענטש. ווען עס איז טאקע רעה, איז עס כפרת עונות. און אמאל איז עס מיט א חשבון אויף שפעטער, וואס אינעם מענטשנ'ס לעבן איז דא צענדליגער מאל זאכן וואס ער האט געמיינט אז עס איז עק וועלט, און שפעטער זעהט ער, אז דאס איז אלעס געווען פאר א טובה וואס דער רבונו של עולם האט אים צוגעשטעלט, כדי צו האבן שפעטער דער חסד וואס וועט ארויסקומען דערפון.

**אין** די מפרשים שטייט, הלל האט כורך געווען מצה ומרור ואוכלם ביחד, און ער האט עס געגעסן צוזאמען (פסחים קטו.). מצה דאס ווייזט דאך אויף די גאולה, מען איז ארויסגעגאנגען פון מצרים. מרור דאס ווייזט אויפן קישוי השיעבוד. ביי אים איז נישט געווען קיין חילוק צווישן די צייט וואס מען איז געווען אין מצרים, און עס איז געווען קישוי השיעבוד, עס איז געווען מרור, צו די צייט וואס מען איז ארויס פון מצרים, און עס איז געווען גאולה. וואס דער אייבערשטער האט געטון, איז אלעס מיט א חשבון. דער מרור וואס מען איז געווען אין מצרים, איז אויך געווען מיט א חשבון, אז דער מענטש איז געווארן דארטן מזוכך, ער זאל קענען שפעטער מקבל זיין די תורה הק', האט געדארפט זיין דער כור הברזל אין מצרים (דברים ד-כ), וואס האט אונז אויסגעלייטערט אונז זאל מיר קענען מקבל זיין די תורה. הלל האט כורך געווען די מצה ומרור, און ער האט עס געגעסן בהסיבה, ער האט זיך אנגעלאנט אויך ווען ער האט געגעסן די מרור, ווייל די מצה און מרור איז געווען ביי אים די זעלבע. כשם שמברך על הטוב, האט ער מברך געווען על הרעה.

**און** דאס איז געווען די מדה פון הלל. די גמרא (ברכות ס.) זאגט, אז הלל איז אמאל אריינגעקומען אין שטאט, און ער האט געהערט א קול צווחה בעיר, האט ער געזאגט, מובטח אני שאין זה בתוך ביתי, איך בין זיכער אז דאס האט נישט פאסירט ביי מיר אין שטוב. ווי אזוי האט ער געוואוסט זיכער אז דער אומגליק האט נישט פאסירט ביי אים אין שטוב? ווייל הלל האט געזאגט, **ביי מיר אין שטוב שרייט מען נישט! ביי מיר אין שטוב איז מען אלעס מקבל מיט אן אהבה!** אז עס איז דא א קול צעקה, אז עס איז דא א קול וואס מען שרייט, מובטח שאין זה בתוך ביתי, בין איך זיכער אז דאס איז נישט אין מיין שטוב. - און דאס איז וואס הלל האט כורך געווען מצה ומרור ואוכלם ביחד, ער האט עס געגעסן צוזאמען. ווען א יוד גלייבט אז אלעס איז מן

השמים, עס איז נישט דא קיין זאך וואס איז א מקרה, אלעס איז מיט א חשבון פון אויבן אין הימל, איז ער אלעס מקבל מיט א פרייליכקייט.

*

**די** גמרא (בבא בתרא יז.) זאגט, אויף די אבות, שלשה הטעימן הקב"ה בעולם הזה מעין עולם הבא, דער אייבערשטער האט געגעבן צו קאסטן פאר די הייליגע אבות אויף די וועלט, מעין פון עולם הבא. ביי אברהם שטייט (בראשית כד-א) וה' ברך את אברהם 'בכל'. ביי יצחק שטייט (שם כז-לג) ואוכל 'מכל'. און ביי יעקב שטייט (שם לג-יא) וכי יש לי 'כל'. וואס איז טייטש אז ער האט אלעס, אין עולם הזה האט א מענטש נישט אלעס, נאר אין עולם הבא האט א מענטש אלעס. דער אייבערשטער האט זיי געגעבן צו קאסטן אויף די וועלט, מעין פונעם עולם הבא.

**שטייט** אין די מפרשים אז דער ביאור דערפון איז, אין עולם הבא איז נישט דא קיין צרות, עולם הבא איז כולו טוב (קידושין לט:). עס איז נישט דא קיין מחלוקת, עס איז נישט דא קיין שום שלעכטיגקייט (ברכות יז.), עולם הבא איז כולו הטוב והמטיב (פסחים נ.), עס איז נאר גוט. ווען א מענטש איז זוכה אז די אמונה לייכט ביי אים אין הארץ, איז ער אויף די וועלט טועם מעין פונעם עולם הבא. ער קען אדורכגיין די שווערסטע זמנים, און ער נעמט עס אויף רוהיג, עס שטערט אים נישט. אז דער רבונו של עולם וויל אזוי, איז ער עס מקבל מיט אן אהבה. דאס איז דער טייטש אז דער אייבערשטער האט אים מטעים געווען בעולם הזה מעין עולם הבא.

**ביי** אברהם אבינו שטייט, וה' ברך את אברהם בכל. וואס עס האט פאסירט ביי אים אין שטוב, איז אלעס געווען ביי אים א ברכה. 'בכל', וואס עס איז געווען, איז געווען ביי אים א ברך, איז געווען ביי אים א ברכה. יצחק. ואוכל מכל, וואס ער האט געהאט צו עסן, האט ער געהאט אלעס. דער באשעפער האט אים געגעבן ווייניג, איז דאס געווען וואס ער דארף האבן. האט ער געהאט מער, איז דאס געווען דער כל. יעקב האט געזאגט וכי יש לי כל, עס פעלט מיר גארנישט, איך האב אלעס, אפילו ווען עשו קומט און ער נעמט אים אוועק די אלע מתנות וואס ער האט אים אוועקגעגעבן, עס פעלט מיר גארנישט. וואס איך דארף האבן, וועט מיר דער אייבערשטער געבן.

**אונז** זאג מיר יעדן טאג א ברכה שעשה לי כל צרכי. דער פשוט'ער טייטש איז, אז דער באשעפער האט געטון פאר מיר כל צרכי, וואס ער טוט מיט מיר, דאס איז מיין צורך. און וואס ער האט מיר געגעבן, דאס דארף איך האבן. און וואס ער האט מיר נישט געגעבן, געהער נישט פאר מיר. דאס איז די מדה וואס די אבות האבן געהאט. בכל, מכל, כל, אלץ האבן זיי געהאט אלעס.

**'בכל**, מכל, כל', באטרעפט הונדערט צוויי און ניינציג. ווען מען רעכנט נאך די שעות פון פסח, די אכט וואס מען איז געזעסן ארומגענומען מיט אמונה אינעם אייבערשטען, נישט געגעסן קיין חמץ נאר מצה, כדי מען זאל שטענדיג געדענקן דעם נס פון מצרים, האט עס אין זיך הונדערט צוויי און ניינציג שעה. יעדן טאג איז דאך פיר און צוואנציג שעה, אין חוץ לארץ איז דא אכט טעג, אכט מאל פיר און צוואנציג, איז הונדערט צוויי און ניינציג שעה. די הונדערט צוויי און ניינציג שעה דאס איז 'בכל' 'מכל' 'כל'. דאס איז די עבודה פונעם פסח, נישט איבערלאזן די עבודה, מען האט געגלייבט, און מען האט געגעסן א סעודה, און מען האלט שוין נאך יום טוב. מען דארף מיטנעמען מיט זיך דאס וואס מען האט מקבל געווען אין דעם יום טוב.

*

**מצה** איז א מאכל פון אמונה, אזוי שטייט אין זוהר הק' (ח"ב קפג.), מצה איז א מיכלא דמהימנותא, עס איז א מאכל פון אמונה. לכאורה מצה איז א מאכל פון גאולה, עס ווייזט אויף די גאולה אז מען איז ארויס פון מצרים. וואס ליגט אין מצה אז עס איז מיכלא דמהימנותא, אז מצה איז א מאכל פון אמונה.

**אונז** זאג מיר אין די הגדה, און עס איז א גמרא (פסחים קטז.), מצה זו שאנו אוכלים על שום מה, פארוואס עסן מיר די מצה. מען מוז דאך זאגן דעם טעם פון מצה, אז נישט לא יצא ידי חובתו, האט ער נישט יוצא געווען דעם חיוב. מצה זו שאנו אוכלים על שום מה, ווייל ווען מען איז ארויס פון מצרים, וישא העם את בצקם, האבן זיי געטראגן זייער טייג, משארותם צרורות בשמלותם על שכמם (שמות יב-לד), זיי האבן עס געוואלט אפבאקן אין מצרים, און מען האט זיי נישט געלאזט, עד שנגלה עליהם מלך מלכי המלכים הקב"ה וגאלם. כי גרשו

ממצרים, מען האט זיי פארטריבן, האבן זיי געבאקן מצות, און אויף דעם עסן מיר מצה.

**דער מהרש"א** שטעלט זיך אויפן פלאץ. אין מצרים האט מען געגעסן מצה צוויי מאל. מען האט געגעסן ביינאכט, נאך פאר אלעם, בעפאר עס איז געווען מכת בכורות, האט מען גע'שחט'ן א קרבן פסח, און מען האט געגעסן דעם קרבן פסח בעפאר די גאולה, און מען האט עס געגעסן ומצות על מרורים יאכלהו (שמות יב-ח), מען זאל עס עסן מיט מצה ומרור צוזאמען. און לכאורה אונז עס מיר נישט מצה אויף דעם טעם וואס מען האט געגעסן דעמאלטס מצה, נאר דעם אנדערן טאג ווען מען איז שוין ארויס פון מצרים, און מען האט מיטגענומען דעם טייג, און מען האט עס נישט געקענט אפבאקן אין מצרים, כי גרשו ממצרים, און עס האט זיך אפגעבאקן אויפן וועג, און מען האט שפעטער געגעסן פון דעם מצה, אויף דעם עסן מיר אכילת מצה. - אז מען עסט מצה, איז דאך שוין ענדערש צו זאגן אז מען עסט די מצה אויף די מצה וואס מען האט אונז מצווה געווען אין מצרים. ווען מען האלט שוין נאך די גאולה, און מען איז ארויסגעגאנגען מיטן טייג אויף דעם עסט מען יעצט די מצה? און דער מהרש"א זאגט, אז לויט דעם וואלט מען געדארפט עסן די מצה נאך חצות, נישט פאר חצות. די מצה איז דאך געווען שפעטער, וואלט מען געדארפט עסן די מצה שפעטער.

**נאר** דער ביאור דערפון איז, פארוואס טאקע האט דער אייבערשטער מצווה געווען אז מען זאל עסן מצה און מרור, בעפאר מען איז ארויס פון מצרים. עס איז דאך נאכנישט דא קיין גאולה, און מצה ווייזט דאך אויף די גאולה. וואס איז געווען די גאולה, מען איז דאך נאך אין מצרים? קרבן פסח ווייזט דאך אשר פסח הקב"ה על בתי אבותינו, מען האט נאך נישט איבערגעהיפט, מען האלט נאך פאר מכות בכורות, פארוואס האט מען אונז געגעבן די מצוה פון פסח און מצה נאך אין מצרים.

**ווייל ווען א יוד גלייבט אז די ישועה וואס דער אייבערשטער האט צוגעגרייט, קען קיינער נישט מבטל זיין, און ווען עס וועט קומען די צייט, וועט עס אנקומען. דער פריידט זיך נאך בעפאר ער האט די גאולה, און מען דארף נישט ברענגען די גאולה כדי ער זאל האבן א שמחה דערויף.** ווען ער ווייסט אז דער אייבערשטער האט צוגעזאגט אז עס גייט אזוי זיין, האט ער שוין די שמחה, און ער גיט שוין א שבח והודאה פארן אייבערשטען. ווען א מענטש געווינט א לאטער"י, אפילו ער האט נאך נישט געזעהן קיין איין פרוטה דערפון, אבער ווען מען האט אים געזאגט אז דו האסט עס געווינען, איז ער פרייליך, אפילו ער האט גארנישט געזעהן דערפון. אז דער באשעפער זאגט, אז היינט וועט זיין מכות בכורות, און נאכדעם וועט פרעה ענק ארויסשיקן פון מצרים, ואחרי כן ישלח אתכם (שמות יא-א), האט מען שוין געמאכט א שמחה אין מצרים! פאר אלעם, מען איז נאך אין גלות, האט מען געגעסן א קרבן פסח, און מען האט געגעסן מצה, על שם פון די גאולה פון שפעטער. פארוואס האט מען געגעסן מצה? ווייל דער אייבערשטער האט געזאגט, עס וועט זיין גרשו ממצרים, מען וועט ענק פארטרייבן, און עטץ וועטס נישט קענען אפבאקן ענקער טייג אין מצרים, עס וועט זיך אפבאקן אויפן וועג. עס שוין די מצה, דארפסט נישטווארטן ביז עס וועט געשעהן. ווייל א יוד וואס גלייבט אינעם אייבערשטען, אז וואס דער באשעפער זאגט דאס איז קראנט, און דאס וועט זיין, און קיינער קען דאס נישט טוישן, דער האלט די שמחה נאך בעפאר ער איז ארויסגעגאנגען פון מצרים. ווען אונז עס מיר מצה, אמת אונז עס מיר מצה ווייל עס איז געווען כי גרשו ממצרים ולא יכלו להתמהמה, און מען האט געמוזט ארויסגיין, איז געווארן מצה, אבער די גאנצע מצוה פון מצה מעיקרא וואס מען האט אונז געגעבן, איז אויך נאר וועגן דעם, אונז האב מיר זיך שוין געפריידט אויף דעם וואס עס וועט זיין א גרשו ממצרים, און מען וועט אונז נישט לאזן אפבאקן די מצות.

**קומט** אויס אז דאס עצם מצה איז א מאכל פון אמונה. דאס ווייזט אז יודען האבן געגעסן מצה, אפילו מען איז נאך געווען אין גלות, און מען האט נאך נישט געזעהן די ישועה, אונז פריי מיר זיך שוין! אונז ווייס מיר זיכער אז עס גייט זיין א ישועה, מען קען שוין עסן דעם קרבן פסח, עס וועט זיין פסח ה' על בתי בני ישראל. מען קען שוין עסן מצה, ווייל עס וועט זיין גרשו ממצרים ולא יכלו להתמהמה. איז דער מצה א מאכל פון אמונה.

*

**און** עס איז נאך טיפער. מען איז ארויסגעגאנגען פון מצרים מיט די מצות, משארותם צרורות בשמלתם

על שכמם, ששים רבוא נפשות זענען ארויסגעגאנגען אין א מדבר, ששים רבוא איז נאר געווען פון צוואנציג יאר ביז די זעכציג, און אויסער דעם זענען געווען די ווייבער מיט די קינדער. **עס גייען ארויס מיליאנען מענטשן, און מען נעמט נישט מיט צו עסן אויפן וועג אין א מדבר! וויפיל אמונה ליגט אין דעם,** אז מען זאל גלייבן, אז דער רבונו של עולם נעמט אונז ארויס פון מצרים, ער האט געוויזען די אלע נסים, און אונז דארף מיר זיך נישט זארגן, אז ווען אונז וועל מיר קומען אינעם מדבר וואס אונז וועל מיר עסן. דער אייבערשטער פירט אונז אינעם מדבר, ער וועט אונז אויך געבן צו עסן. וגם צדה לא עשו להם, זיי האבן נישט ארויסגענומען מיט זיך נאר די טייג וואס איז געווען צרורות בשמלותם על שכמם. ווייל א יוד גלייבט אינעם אייבערשטען, און ער גלייבט אז אלעס איז אנגעשריבן אויבן. זיין אמונה האט אזוי געלאכטן, אז ער האט אפילו נישט געטראכט פון נעמען צידה אויפן וועג. עס וועט שוין זיין, מען וועט שוין שפעטער געבן.

**מצה** איז א מאכל פון אמונה. און די מצה האט דער אייבערשטער געהייסן אונז זאל מיר עסן, עס זאל ווערן אונזער בלוט און פלייש. נישט אז עס גייט אדורך דער יום טוב, מען האט זיך געפריידט, מען האט אפגעגעבן א שבח והודאה פארן אייבערשטען, מען האט געדאנקט דעם באשעפער אויף די נסים וואס ער האט געטון, און א טאג נאך יום טוב האסטו שוין נישט קיין קשר מיט וואס עס איז געווען. די אמונה דארף ביי דיר לייכטן, **דו האסט זיך אנגעקליבן מיט אמונה אין די טעג פון פסח, כדי דו זאלסט האבן מיט וואס צו לעבן א גאנץ יאר!** דאס איז דער קאפ פון אלע מועדות. ווען דו האסט דעם קאפ אויפן פלאץ, דעמאלטס נעמט מען זיך מיט אויף דעם גאנצען יאר, און דער גאנצער גוף קען נאכדעם לייכטן פון דעם. עסט מען די מצה, דאס דארף ווערן דמו ובשרו פון דעם מענטש. די מאכל פון אמונה דאס דארף זיין דיין בלוט און דיין פלייש, דעמאלטס וועסטו זיך קענען פירן ווי א יוד דארף זיך צו פירן. ווייל ווען א יוד ווייסט אז אלעס איז פונעם רבונו של עולם, דעמאלטס לערנט ער, און ער דאווענט, און ער טוט מצות ומעשים טובים. עס אינטערעסירט אים נישט קיין שום אנדערע זאך, ער ווייסט אז אלעס איז פונעם אייבערשטען.

*

**פון** וואו נעמט מען א ישועה ווען מען דארף עס האבן? פונעם בית המדרש! **ווען מען קומט דאווענען צופרי, דארט איז די איינציגסטע אדרעס וואו ער באקומט אלעס וואס ער דארף צו האבן.** ווייל אז ער גלייבט באמת אז עס איז נישט דא קיין שום זאך אויף דער וועלט, וואס איז נישט דא קיין השגחה פרטיות, נאר דער אייבערשטער פירט עס, איז נישט דא נאר איין פלאץ וואו דו קענסט רעדן צום אייבערשטען, און בעטן ער זאל עס דיר געבן. ווייל אלעס איז תלוי אין אים, אלע השתדלות וואס אונז טוה מיר, איז נאר ווייל מען איז מחויב צו טון השתדלות, אבער נישט דער השתדלות דאס וועט דיר ברענגען דיין ישועה. דיין ישועה ווענדט זיך ווי אזוי דו האסט געפועל'ט ביים אייבערשטען ביים דאווענען. האסטו געדאווענט, און עס איז אנגענומען געווארן דיין תפלה, וועט אלעס זיין. האסט נישט געדאווענט, קענסטו טון אלע השתדלות, וועט מען נישט אנקומען אין ערגעץ.

**ווען** א יוד גלייבט באמת אז אלעס איז פונעם אייבערשטען, ווייסט ער, אז תפלה דאס איז דער איינציגסטער פלאץ, וואו ער קען אלעס אויסבעטן. ער יאגט זיך נישט ביים דאווענען. וואו יאגסטו זיך? ארויסצוגיין צו די געשעפטן? דו וועסט פארדינען דארט, וועגן דעם גייסטו ארויס. דארט וועסטו פארדינען? פארדינען פארדינסטו אין בית המדרש. ווען דו דאווענסט ערליך, דו זאגסט תהלים ערליך, דו ביסט מתפלל פארן אייבערשטען, דא איז דער פלאץ וואו דיין ישועה ליגט! דא ליגט דיין פרנסה! דא ליגט דיין רפואה! עס איז נישט ביי דעם דאקטער! די פלאץ צו מסדר זיין אלע דיינע פראבלעמען ליגט אין בית המדרש וואו מען דאווענט. - און דאס דארף זיין די מצה, דאס איז די מיכלא דמהימנותא וואס א מענטש עסט, אז עס זאל אריינגיין אינעווייניג, זיין בלוט און פלייש זאל לעבן מיט אמונה.

*

**עס** שטייט פונעם ערשטן **בעלזער רב**, למען תספר באזני בנך ובן בנך וגו', וידעתם כי אני ה' (שמות י-ב), זאגט דער הייליגער בעלזער רב, לויטן דקדוק פון פסוק וואלט געדארפט צו שטיין, למען תספר באזני בנך ובן בנך את אשר התעללתי במצרים, פארציי'ל פאר די קינדער, וידעו, און זיי זאלן וויסן, כי אני ה'. פארציי'ל פאר זיי אז זיי זאלן וויסן כי אני ה'. וואס איז

דער 'וידעתם' כי אני ה', עטץ זאלטס וויסן אז עס איז דא א אייבערשטער. ווייל ווען א מענטש רעדט פון סיפור יציאת מצרים, און ער רעדט פון די נסים, ער זאגט עס פאר זיין קינד, נישט נאר דאס קינד האט באקומען נוצן פון די ידיעה, נאר וידעתם כי אני ה', דו אליין ווערסט וויסן. דו זאגסט אויך ביז יעצט אז דער אייבערשטער פירט אלעס, אבער עס איז נאר געזאגט, דו לעבסט נישט דערמיט, אבער למען תספר באזני בנך ובן בנך, דער יום טוב פון פסח וואס א יוד איז מספר ביציאת מצרים, נאך א ווארט, נאך א נקודה פון יציאת מצרים, נאך א זאך פונעם חסד ה' וואס איז געווען אין מצרים, און ער חזר'ט עס איבער נאכאמאל און נאכאמאל, וידעתם כי אני ה', דאס ברענגט די ידיעה פאר דיר, אז דו זאלסט וויסן כי אני ה'.

**עס** איז דא א ווארט פונעם **לעכוויטשער** (תורת אבות קמט), האמנתי כי אדבר (תהלים קטז-י). האט ער געזאגט, 'האמנתי', ווי אזוי קען א מענטש זוכה זיין צו אמונה, ער זאל גלייבן, 'כי אדבר', ווען ער רעדט דערפון. אז מען רעדט נישט דערפון, גלייבט ער אויך, יעדער יוד גלייבט, אפילו ער רעדט נישט דערפון, אבער עס לעבט נישט ביי אים די אמונה. ווי מער א מענטש רעדט פון אמונה, טראכט ער פון דעם, ער קען דאך נישט רעדן נאר אז ער האט געטראכט פאר דעם. אז זיין קאפ טראכט שטענדיג פונעם אייבערשטען, דאס ברענגט צו אז די אמונה זאל ביי אים לייכטן. אבדה האמונה נכרתה מפיהם ברענגט ער צו א פסוק (ירמיה ז-כח), פארוואס ווערט פארלוירן די אמונה, ווייל עס איז נכרתה מפיהם, מען לעבט נישט דערמיט. מען גלייבט אלעס, אבער עס איז נישט אינעם טאג טעגליכן לעבן. א מענטש דארף רעדן דערפון. און **דאס איז יציאת מצרים, זיבן טאג איז מען געזעסן אין די לופט פון יציאת מצרים, טראכטן די גרויסקייט פונעם אייבערשטען, דער באשעפער האט באשאפן די וועלט, און ער פירט די וועלט, און דער באשעפער טוט אלעס וואס איז לטובה פונעם מענטש. דאס דארף א מענטש מיטנעמען מיט זיך ווען ער גייט אוועק פון דעם יום טוב.**

* * *

**די** דריי ימים טובים, פסח שבועות און סוכות, ווערן אנגערופן אין די תורה, שלש רגלים. שלש רגלים תחוג לי בשנה (שמות כג-יד), דריי רגלים זאלט עטץ חוגג זיין אין יאר. וואס מיינט די ווארט 'רגלים'? טייטשט רש"י, רגלים, פעמים. רגלים מיינט נישט יום טוב, רגלים מיינט דריי מאל. שלש רגלים תחוג לי בשנה, דריי מאל איבערן יאר, זאלסטו מיר חוגג זיין, די טעג זאל זיין א יום טוב פאר מיר. אזוי ווי עס שטייט ביי בלעם (במדבר כב-כח) כי הכיתני זה שלש רגלים, מיינט מען נישט קיין יום טוב, עס מיינט נישט קיין פוס, עס מיינט דריי מאל. שלש רגלים תחוג לי בשנה, דריי מאל אין יאר, דארף א יוד חוגג זיין א יום טוב פארן אייבערשטען.

**איך** מיין אז אין פשטות ווערט עס אנגערופן שלש רגלים, ווייל עס איז געווען א מצוה פון עולה רגל זיין. יעדן יום טוב האט מען געדארפט איבערלאזן אלעס פון שטוב, און ארויפגיין צום בית המקדש. א וואך איז מען געווען אויסגעשאלטערט פון די וועלט, א וואך וואס מען האט איבערגעלאזט די שטוב כמעט אויף הפקר, און יעדער איז ארויפגעגאנגען קיין ארץ ישראל. מען האט געדארפט האבן א ברכה אז די גוים זאלן נישט קומען און צונעמען אלעס וואס מען האט געהאט. דער באשעפער האט געגעבן אן הבטחה (שמות כד-לד), ולא יחמוד איש את ארצך בעלותך לראות את פני ה' אלקיך שלש פעמים בשנה, עס וועט דיר גארנישט שאדן דעם יום טוב, ווען דו ווערסט גיין עולה רגל זיין. און יעדער האט זיך ארויסגעלאזט פון זיין שטוב לראות וליראות את פני ה'. - **א יום טוב איז געמאכט געווארן, זיך צו באקענען מיטן אייבערשטען,** מען וויל זיך באווייזן פארן אייבערשטען, דער באשעפער זאל מיך אנקוקן, איך זאל אנקוקן כביכול דעם רבונו של עולם. ווי א טאטע מיט א קינד וואס זענען אפגעטיילט א גאנץ יאר, און נאך א גאנץ יאר וואס מען האט זיך נישט געטראפן, קומט מען אויף א וויזיט. דאס איז געווען דער שלש רגלים וואס מען איז ארויפגעגאנגען אין בית המקדש. ווערט דער יום טוב אנגערופן 'רגלים', ווייל דער תכלית איז, נישט צו זיצן אינדערהיים. דער תכלית פון א יום טוב איז, עולה רגל צו זיין, און אנקומען אינעם בית ה'.

*

**עס** קען זיין נאך א רמז אין די ווארט 'רגלים'. עס שטייט אין **טור** (או"ח סימן תיז) אז די דריי ימים טובים זענען אקעגן די דריי אבות. דער יום טוב פון פסח

איז אקעגן אברהם אבינו, לושי ועשו עוגות, שטייט ביי אברהם (בראשית יח-ו), און עס איז געווען אין פסח. ומצות אפה ויאכלו שטייט שפעטער ביי לוט (שם יט-ג). שבועות איז אקעגן יצחק. סוכות איז אקעגן יעקב, ולמקנהו עשה סוכות (בראשית לג-יז). עס שטייט אין **זוהר הק'** (ח"ג רסב:) אז די דריי אבות זענען די מרכבה פונעם אייבערשטען. כביכול דער אייבערשטער האט א כסא, א שטול, וואו דער אייבערשטער זיצט, [עס איז נישט מיט אונזערע שכל ווי אזוי אונז פארשטיי מיר עס, אבער על כל פנים נאר בדרך דמיון], און די אבות זענען די מרכבה פון דעם כסא. עס איז א כסא פון שלש רגלים, אברהם יצחק און יעקב זענען די רגלים פונעם כסא. עס שטייט אין רש"י (שמות לב-יג), ווען דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו ביים עגל, אז ער וויל מכלה זיין יודען, ואעשה אותך לגוי גדול, דיך וועל איך מאכן פאר א גרויס פאלק, האט משה רבינו געזאגט, ניין, זכור לאברהם ליצחק ולישראל עבדיך, מה דאך א כסא של שלש רגלים האט נישט געקענט עומד זיין בשעת כעס, ווי אזוי קען זיין אז א כסא מיט איין רגל, זאל קענען עומד זיין. זעהט מען, אז רש"י רופט אן די אבות, אז עס איז א כסא של שלש רגלים. שלש רגלים תחוג לי בשנה, די דריי ימים טובים זענען אקעגן די דריי אבות, וואס זיי זענען די רגלים פון די שכינה פון די כסא הכבוד.

*

**און** עס קען זיין אז ווענן דעם הייסט עס שלש רגלים. א מלאך איז א עומד, און א מענטש איז א הולך. א מלאך איז א עומד, אזוי שטייט אין פסוק (זכריה ג-ז) ונתתי לך מהלכים בין העומדים האלה. א מלאך, אזוי ווי מען האט אים באשאפן, אזוי בלייבט ער, און אזוי איז זיין גאנץ לעבן שפעטער. ער האט נישט קיין יצר הרע, ער האט נישט קיין בחירה צו טון אן עבירה וכדומה, עס איז כולם פותחים את פיהם בקדושה ובטהרה, ומברכין ומשבחין ומפארין ומעריצין ומקדישין וממליכין ווי מען זאגט ביים דאווענען. מלאכים האבן איין זאך, זאגען שירות ותשבחות פארן אייבערשטען. און דאס טוען זיי שטענדיג, חדתין נבוט לצפרא (בפיוט אקדמות), אלץ איז דא פרישע מלאכים וואס קומען צו, און זיי זאגען שירה פארן אייבערשטען. און זיי זענען עומדים, אזוי ווי מען האט זיי באשאפן, אזוי בלייבן זיי שפעטער. - א מענטש איז נישט אזוי, א מענטש איז א הולך, ער גייט, איין טאג איז נישט דומה צום צווייטן. אלץ גייט ער, אדער גייט ער ארויף, אדער גייט ער אראפ. ווען ער גייט אראפ, זאגט מען ער גליטשט, ער פאלט אראפ. און נאכדעם איז דא וואס ער גייט ארויף, ער איז א סולם מוצב ארצה, וראשו מגיע השמימה, ער גייט און ער גייט, העכער און העכער, אין תורה און עבודת ה'.

**וועלכע** צייט פונעם יאר איז דער מענטש די מערסטע אין א בחינה פון הולך, וואס ער גייט העכער? ווען עס קומט א יום טוב! **די טעג פון א יום טוב, איז ביי יעדן יוד אנדערש ווי א גאנץ יאר. זיין קאפ איז אנדערש, זיין מחשבה איז אנדערש, ער טראכט אנדערש, ער פירט זיך אויף אנדערש. עס איז א יום טוב, ווען עס איז דא א דביקות און א אהבה פון יודען צום אייבערשטען.** די בחינה פון הולך וואס א יוד האט, - וואס הולך איז דאך מיטן רגל, דורכדעם גייט מען, - דער הליכה וואס א יוד האט צו שטייגן און זיין א הולך, איז דער עיקר אין א יום טוב. שלש רגלים תחוג לי בשנה, דער אייבערשטער בעהט, אז יעדער יום טוב זאל זיין ביי דיר א 'רגל', הייב אויף די פיס, און גיי העכער, הייב דיך אויף פון די ערד, הייב דיך אויף פון די נידריגקייט וואס דו ביסט. וואו דו ביסט, אין וואס פאר א מצב דו ביסט, גיי מיט א שטאפל העכער! און אז דו גייסט העכער פון וואו דו ביסט, איז אפילו דו ביסט נישט אנגעקומען צום לייטער אויבן, אבער דו ביסט ארויפגעגאנגען נאך א טריט מער, דאס איז דער יום טוב פון שלש רגלים תחוג לי בשנה.

*

**'רגל'** האט נאך א טייטש, רגל ווערט אויך אנגערופן מרגלים, אזוי ווי מען געפונט (דברים א-כד) וירגלו אותה, וואס דער טייטש איז שפיאנירן. וואס טוט א שפיאן? ער גייט אריין בארץ אויב, ער גייט אריין וואו די פיינט איז, און ער קוקט זיך אים דארט, וואו איז די מיליטער, וואו זענען די כוחות פונעם אויב, וואו זענען די שוואכע מקומות וואו מען קען זיך ארייִנדרינגען וכדומה. און ער זאגט אן, דא זאל מען יא גיין, דא זאל מען נישט גיין, ער גיט די גאנצן פלאן ווי אזוי מען קען ארייִנקומען אין דעם ארץ אויב, און מען זאל נישט געשעדיגט ווערן, מען זאל קענען געווינען די מלחמה.

**יעדער** יוד איז אין א ארץ אויב. די גאנצע וועלט איז א גשמיות'דיגע וועלט, עס האט גארנישט צו טון מיט אונז. אונז האב מיר נאר די וועלט פאר אזויפיל, כדי אז דא זאל מען קענען דינען דעם אייבערשטען. מען איז געקומען דא זיך צוגרייטן, התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין (אבות ד-טז). אבער דער עצם הבלי עולם הזה, איז געמאכט געווארן פאר די גוים, עס איז נישט געמאכט געווארן פאר אונז. אונז זעמיר אסאך העכער פון דעם, אונז נוץ מיר נאר די וועלט אויף וויפיל א יוד דארף עס האבן, כדי צו קענען דינען דעם אייבערשטען.

**און** די נסיונות זענען זייער גרויס. ביי יעדן מענטש איז אנדערש דער נסיון. עס איז דא קליינע נסיונות, גרויסע נסיונות, יעדער מענטש ווייסט ביי זיך וועלכע מקום, וואו ער גייט, צו וועט ער האבן דארט א גרויסן נסיון, צו וועט ער האבן א קלענערן נסיון, און צו ער וועט אינגאנצן נישט האבן קיין נסיון. אין בית המדרש ווייסט ער אז ער האט אינגאנצן נישט קיין נסיון, ווען ער גייט ארויס אויף דער גאס איז שוין דא פארשידענס, אין וועלכע געגענט ער דרייט זיך, און וואו ער דרייט זיך, צו ער איז אליין, צו ער איז מיט אנדערע מענטשן וכדומה.

**דער** יום טוב איז א זמן פון התבוננות, מען דארף זיין א שפיאן. אונז דארף מיר גיין בארץ אויב, מען האט א גאנץ יאר אדורכצוגיין, טראכט איבער, וואו זענען די מקומות וואס מען ווערט נכשל, און וואו זענען די מקומות ווי עס איז הייליג און מען ווערט נישט נכשל. **דער יום טוב איז א 'רגל', עס איז געמאכט געווארן צו שפיאנירן דעם גאנצן הילוך החיים וואס דו דארפסט אדורכגיין שפעטער, דו זאלסט וויסן וואס עס איז דער ריכטיגער וועג, וואו דו קענסט גיין, וואו דו דארפסט גיין, און וואו דו טארסט נישט גיין,** אויף דעם איז געגעבן געווארן דער יום טוב.

**יום** טוב דארף א יוד זיין א הולך, גיין העכער פון איין מדריגה צו די אנדערע מדריגה, מיטנעמען מיט זיך די געוואלדיגע אמונה וואס מען האט איינגעזאפט אין זיך אין משך פונעם יום טוב. פונעם סיפור יציאת מצרים וואס מען האט גערעדט דערפון פסח ביינאכט. דאס דאווענען, מען איז געזעסן אזויפיל שעות אין בית המדרש אין משך פונעם יום טוב, מען האט געזאגט הלל והודאה פארן אייבערשטען. דאס אלעס דארף ווערן אריינגעבאקן אינעם מענטש, אז ווען מען גייט אוועק פונעם יום טוב, איז נישט מען האט אפגעזאגט וואס מען האט געדארפט. מען האט מקיים געווען די מצות פונעם יום טוב, מען האט אפגעגעסן די מצה מיטן מרור, און מען האלט שוין דערנאך. נאר דאס דארף זיין דמו ובשרו, דאס דארף זיין דיין בלוט און דיין פלייש.

**אין** מפטירין אחר הפסח אפיקומן, כדי שישאר טעם מצה בפיו (פסחים קיט:), ווען דו גייסט אוועק פון די מצה, דארף בלייבן דער טעם פון די מצה אינעם מויל. מצה דאס איז אמונה, ווי מען האט פריער גערעדט, א מיכלא דמהימנותא, דאס דארף בלייבן אין דיין מויל, קענען רעדן ווייטער בפיו, ווער נישט מיד פון רעדן פון יציאת מצרים, ווער נישט מיד פון רעדן פון גרויסקייט פונעם אייבערשטען, רעד פון דעם אז דער רבונו של עולם פירט די וועלט, חזר עס איבער ביי דיר איין מאל און נאכאמאל, אז עס איז נישט דא קיין מקרה אויף דער וועלט, עס איז נישט דא קיין שום זאך וואס פאסירט פון זיך אליין. קיינער קען דיר גארנישט טון, וואס עס איז אנגעשריבן אויבן וועט ממילא אנקומען צו דיר. לעב מיט די אמונה, דעמאלטס וועסטו מיטנעמען דעם יום טוב מיט זיך אויף שפעטער.

* * *

**די** חכמים האבן מתקן געווען אז מען זאל מסמיך זיין גאולה לתפלה. גאולה דאס איז די גאולה וואס מען רעדט פון יציאת מצרים. סיי צופרי און סיי ביינאכט, רעדט מען פון די גאולה, אמת ממצרים גאלתנו ה' אלקינו, ומבית עבדים פדיתנו. המכה בעברתו כל בכורי מצרים, ויוצא את עמו ישראל מתוכם לחירות עולם. און מען ענדיגט, ברוך אתה ה' גאל ישראל, איך דאנק דעם אייבערשטען אויף די גאולה וואס דער אייבערשטער האט אויסגעלייזט יודען. - דאס אליינס צו רעדן פון גאולה, דאנקען דעם אייבערשטען פאר די טובה וואס דער באשעפער האט אונז אויסגעלייזט, דאס טוט אויך א גוי להבדיל. ווען איינער האט אים געטון א טובה, דאנקט ער פאר די טובה וואס מען האט אים געטון. אויף דעם דארף מען נישט זיין קיין יודיש קינד, אז מען זאל דאנקן דעם אייבערשטען גאל ישראל, אז דער באשעפער האט אונז אויסגעלייזט.

**ווען** אונז רעד מיר פון די גאולה, האט עס אין זיך א המשך אויף שפעטער אויך. ווען אונז דאנק מיר דעם אייבערשטען אויף די גאולה, דעמאלטס זענען מיר זיך מתבונן אין דעם גרויסקייט פונעם אייבערשטען, אז דער באשעפער קען מהפך זיין אלעס כרצונו. - **ווען מען נעמט אריין אין זיך די גאולה, אז אלעס איז פונעם אייבערשטען, און עס איז נישט דא קיין אנדערער כח אויף דער וועלט, אלעס איז מיט אן השגחה פרטית, ברענגט עס אריין אין אים, אז נאכדעם וואס ער גייט אוועק פון די גאולה, נעמט ער זיך צום דאווענען, ווייל ער ווייסט אז אלעס איז אין די הענט פונעם אייבערשטען. ווען איך דארף עפעס באקומען, ווי באקום איך עס? איך באקום עס נאר אין בית המדרש ווען איך דאווען, דאס איז דער פלאץ.**

**ווען** א מענטש איז נישט סומך גאולה לתפלה, אז נאכדעם וואס ער רעדט פון גאל ישראל, קומט ער נישט צו דערצו, אז עס זאל לייכטן ביי אים די אמונה אינעם אייבערשטען, צו וויסן אז אלעס איז אין די הענט פונעם רבונו של עולם, און עס פארלאנגט זיך תפלה. וואס תפלה באשטייט פון צוויי זאכן. תפלה באשטייט פון שבח והודאה פארן אייבערשטען, דאס איז די פסוקי דזמרה, און נאכדעם איז דא די תפילות וואס מען איז מתפלל. אזוי שטייט אין די גמרא (ברכות לב.) אז קודם דארף מען מסדר זיין שבחו של מקום, ואחר כך יתפלל. די גאולה דארף ברענגען צו תפלה. טאמער די גאולה ברענגט דיך נישט צום דאווענען, עס איז דא א הפסק, פסח איז אדורך, מיר האבן שוין געדאנקט דעם אייבערשטען אויף די גאולה, מען האלט שוין דערנאך, עס איז דא א הפסק צווישן די גאולה און די תפלה, דעמאלטס פעלט פון דיין גאולה, און דו קענסט נישט זאגן קיין שיר אויף אזא גאולה. שירה זאגט מען אויף א גאולה, ווען די גאולה האט עפעס געברענגט, עס האט דיך צוגעברענגט צו עפעס.

**ווען** א יוד רעדט פון גאולה, און ער דאנקט דעם אייבערשטען אויף די גאולה, און עס טוט אריינברענגען אין זכרון אז דער רבונו של עולם פירט אלעס, עס איז דא א באשעפער וואס פירט אלעס, און טוט אלעס אויף דער וועלט כרצונו, נאכדעם קומט ער צו, צו תפלה, נאכדעם קען ער דאווענען און זאגן שבח והודאה פארן אייבערשטען, און מתפלל זיין פארן אייבערשטען אויף וואס ער דארף צו האבן. - די גאולה מיט תפלה דאס גייט צוזאמען.

**יודען** האבן געזאגט שירה ביים ים. מען האט זיך נישט געפריידט סתם אז דער רבונו של עולם האט געמאכט קריעת ים סוף, יודען זענען אדורך, און די מצריים זענען איינגעזינקען געווארן. אויף דעם צו זאגען א דאנק פארן אייבערשטען דארף מען נישט זיין קיין כלל ישראל, מען דארף נישט האבן צו דעם א ראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל. זיי האבן געזאגט שירה פארן אייבערשטען, ווייל ווען זיי האבן געזעהן די גרויסקייט פונעם אייבערשטען, זענען זיי דורך די ניסים וואס זיי האבן געזעהן צוגעקומען צו די הכרה וואס די גאולה דארף ברענגען, אז עס איז דא א באשעפער וואס פירט די וועלט. און ווען מען קומט צו, צו די הכרה, קען מען זאגן שירה פארן אייבערשטען.

**יודען** האבן נישט געזאגט שירה תיכף ווען דער ים האט זיך געשפאלטן, נאר נאכדעם וואס עס איז געווען וייראו העם את ה', ויאמינו בה' ובמשה עבדו (שמות יד-לא), זיי האבן געזעהן אז דאס האט צוגעברענגט צו יראת ה', עס האט צוגעברענגט צו אמונה אינעם אייבערשטען, אז ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת, דעמאלטס קען מען זאגן שירה. א דאנק פארן אייבערשטען, זאגט יעדער איינער, ווען עס גייט אים גוט. ווען דער באשעפער טוט דיר אמאל א חסד, וואס דו זעהסט דעם חסד ה' וואס דער באשעפער האט דיר געטון, איז נישט גענוג וואס דו דאנקסט דעם אייבערשטען אויפן חסד וואס ער האט דיר געטון, נאר וואס האסטו זיך אפגעלערנט פון דעם חסד וואס דער באשעפער האט דיר געטון, וואס וועט זיין מארגן. אז דו לערנסט זיך אפ דערפון, אז עס איז דא א בורא עולם, און מען דארף דינען דעם אייבערשטען. דער באשעפער האט מיר געטון אזויפיל גוטס, דארף איך אים צוריק צאלן, דעמאלטס קען א מענטש זאגן שירה אויף די גאולה וואס ער האט געהאט.

**מען** זאגט יעדן טאג ביים דאווענען, ואני בחסדך בטחתי, יגל לבי בישועתך, אשירה לה' כי גמל עלי (תהלים יג-ו). דוד המלך זאגט, ואני בחסדך בטחתי, איך פארלאז מיך אלץ אויף די חסד פונעם אייבערשטען, יגל לבי בישועתך, ווען דער

באשעפער העלפט מיר, יגל לבי, עס איז א שמחה. אבער דאס איז נאך נישט גענוג, אשירה לה', ווען קען איך זאגן שירה אויף דעם וואס דער באשעפער האט מיר געטון, כי גמל עלי, ווען דער חסד בלייבט אויף מיר. איך נעם עס מיט, מיט מיר, וואו איך גיי און וואו איך שטיי, עס איז געווארן דמו ובשרו פונעם מענטש, דעמאלטס קען ער זאגן שירה. יגל לבי בישועתך, זיך פרייען אויף די ישועה, דאס טוט יעדער איינער. אבער עס זאל קענען זיין אשירה לה', אז איך זאל קענען זאגן שירה פארן אייבערשטען, אויף דעם פארלאנגט זיך, כי גמל עלי.

*

**אונז** האב מיר שוין גערעדט פאר יום טוב, וואס דער **רמב"ן** (פ' בא) זאגט, אז פון אלע ניסים נגליים וואס דער אייבערשטער טוט, טוט זיך א מענטש מתבונן זיין אין די ניסים הנסתרים. ווען דער רבונו של עולם טוט אזעלכע ניסים נגליים, דארף א מענטש גלייבן אז עס איז דא ניסים נסתרים. **וואס דער אייבערשטער טוט מיט דיר, איז פול מיט ניסים! דו לעבסט, דו ביסט געזונט, מען נעמט עס אן, אויף ענגליש זאגט מען, פא"ר גרענטע"ט, עס קומט זיך דיר. עס קומט זיך דיר גארנישט! דער באשעפער גיט דיר חיות, און דער באשעפער גיט דיר אז דו לעבסט, דאס איז א נס וואס דער באשעפער טוט מיט דיר. וויפיל מאל וואלסטו געקענט קראנק זיין, און דער אייבערשטער האט דיך צוגעפירט אז דו ביסט געזונט. וויפיל מאל וואלסטו געקענט האבן אן עקסידענט, און דער באשעפער האט דיך צוגעפירט דו ביסט ניצול געווארן.** א מענטש ווייסט אפילו נישט דעם חסד וואס דער אייבערשטער האט געטון, עושה נפלאות לבדו (תהלים עב-יח), דער אייבערשטער טוט ניסים ונפלאות מיטן מענטש, וואס איז לבדו, נאר דער אייבערשטער ווייסט (נדה לא.). - און אויף דעם זאגט מען ביים דאווענען, ועל נסיך 'שבכל יום עמנו', מען זאגט דאך נישט קיין ליגענט, יעדן טאג איז דא נסים פאר א מענטש. ער ווייסט נאר נישט ווי אזוי דער אייבערשטער האט עס צוגעפירט, אבער מען דארף דאנקען אויף די ניסים.

**ווען** עס גייט אדורך א יום טוב פון פסח, וואס מען האט געלעבט אין ניסים נגליים, וואס פון דעם איז א מענטש מודה אין נסים הנסתרים. אז מען איז מודה אין נסים הנסתרים, אז אלעס איז פונעם אייבערשטען, ווייסטו אז ווען דו דארפסט עפעס, דארפסטו מתפלל זיין. דאנקען דעם אייבערשטען אויף אלע חסדים וואס ער טוט מיט דיר, און מתפלל זיין אויף שפעטער. - דאס איז דער ענין פון מסמיך זיין גאולה לתפלה. נאכדעם וואס מען גייט אוועק פון גאל ישראל, דארף דאס ברענגען נאכדעם, מודה צו זיין אין די ניסים הנסתרים. און אז דו ביסט מודה אין די ניסים הנסתרים, קומט זיך נאכדעם תפלה.

**ווען** א מענטש איז סומך גאולה לתפלה, אינו ניזוק כל היום, א גאנצן טאג וועט אים אדורכגיין רוהיג ער וועט נישט האבן קיין נזק. ווייל וואס עס וועט נאר פאסירן, איז ביי אים נישט קיין נזק. אז ער גלייבט אינעם אייבערשטען, אז דער באשעפער פירט אלעס, און אלעס וואס דער אייבערשטער טוט מיט אים איז א טובה, איז ביי אים אייניג דער רעה מיטן טובה, און וואס עס האט פאסירט, איז נישט קיין נזק. בה' אהלל דבר, באלקים אהלל דבר (תהלים נו-יא), איך דאנק אויף אלעם, כשם שמברך על הטובה (ברכות ס:), די מרור מיטן מצה איז ביי אים די זעלבע. און אז עס איז ביי אים אייניג, איז ווען ער איז מסמיך גאולה לתפלה, אינו ניזק לעולם, ווערט ער נישט ניזק. און ווען רבי זירא האט געזאגט אז ער איז ניזק געווארן, האט מען אים איבערגעצייגט אז דער היזק וואס דו מיינסט איז נישט געווען קיין היזק, עס איז נישט דא קיין היזק. ווען א מענטש איז מסמיך גאולה לתפלה, ווערט ער נישט ניזוק.

**דער** רבי ברונא בשעת ער האט מסמיך געווען גאולה לתפלה, לא פסיק חוכא מפומיה כוליה יומא, א גאנצן טאג איז ער געווען פריילין. ווען א מענטש נעמט ארויס פון סמיכת גאולה לתפלה, אז אלעס איז אין די הענט פונעם אייבערשטען. און נאך די גאולה, וואס ער דאנקט דעם אייבערשטען, נעמט ער זיך צו תפלה, ווייל ער ווייסט אז דאס איז מיין אדרעס, אלעס באקום איך פון דארט. אז ער ווייסט אז ער באקומט אלעס פונעם אייבערשטען, איז ער א צופרידענער מענטש, און ער גייט אדורך דעם טאג מיט א שמייכל אויפן פנים! וואס עס געשעהנט, טוט אים נישט וויי. ווייל ער פארלאזט זיך, אז וואס דער אייבערשטער טוט, איז אלעס לטובה.

**אוודאי** סתם ווען א מענטש איז מסמיך גאולה לתפלה, ער כאפט אפ דאס דאווענען, ער זאגט גאל ישראל, און נאכדעם שטעלט ער זיך דאווענען

שמונה עשרה, אויף דעם איז נישט געזאגט געווארן אז אינו ניזוק כל היום, און דער איז נישט קיין לא פסיק חוכא מפומיה כוליה יומא. נאר ווען א מענטש פארשטייט די אינהאלט, וואס דאס מיינט סומך זיין גאולה לתפלה, אז נאך דעם וואס מען גייט אוועק פון די גאולה, איז מען זיך מתבונן אין די גרויסקייט פונעם אייבערשטען, און מען איז משיג און מען גלייבט אין די ניסים הנסתרים, און אויף דעם דאנקט מען דעם אייבערשטען, און מען איז מתפלל דערויף. נאכן דאווענען איז ער א רוהיגער מענטש, איך האב שוין היינט אלעס געפועל'ט וואס איך דארף צו האבן, און וואס עס וועט אדורכגיין אינמיטן טאג, איז אלעס א חסד ה'. דעמאלטס איז לא פסיק חוכא מפומיה כוליה יומא, ענדיגט זיך נישט די חוכא מפומיה, מען בלייבט בשמחה.

*

**ווען** מען גייט אוועק פונעם יום טוב, דארף מען מיטנעמען דאס וואס אונז האב מיר איינגעקריצט אין משך פונעם יום טוב. עס איז זמן חרותנו, חרות על הלוחות (שמות לב-טז), א זמן וואס מען האט אריינגעקריצט אין זיך אינעווייניג די אמונה אינעם אייבערשטען. נישט נאר אז מען 'זאגט' אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט, נאר עס זאל זיין מיט א 'ידיעה', און לעבן מיט א חיות אין אמונה פונעם אייבערשטען. דאס דארף זיין די תוצאה פונעם יום טוב.

**און** אויף דעם איז מען מתפלל און מען זאגט, חסל סידור פסח כהלכתו, ככל משפטו וחוקתו, מען פארציילט, אז מען האט געטון דעם פסח ווי עס דארף צו זיין, אונז האב מיר געגעסן מצה ומרור, און אונז האב מיר פארציילט סיפור יציאת מצרים, אונז האב מיר זיך געווייקט אין ניסי ה' וואס דער אייבערשטער האט געטון פאר כלל ישראל, אבער עס איז נישט געגוג מיט דעם וואס אונז האב מיר מסדר געווען, מען האט געמאכט א שיינעם סדר, און עס איז געווען מצה מיט מרור און סיפור יציאת מצרים, נאר מען בעהט פונעם אייבערשטען, כן נזכה לעשותו, אונז זאל מיר זוכה זיין מיטצונעמען די אמונה, מען זאל עס קענען אויספירן בפועל, לעבן דערמיט, אז עס זאל זיין כי הם חיינו ואורך ימינו, אז עס זאל זיין כי בם חייתנו, די אמונה זאל זיין מיט א חיות אינעם אייבערשטען.

**ווען** מען גייט אוועק פונעם יום טוב, דארף מען עס מיטנעמען מיט זיך, מען דארף מסמיך זיין גאולה לתפלה, דאס דאווענען דארף זיין אנדערש, עס דארף אויסקוקן אנדערש, זיך נישט יאגן ביים דאווענען, וואו יאגסטו זיך? וואו גייסטו אוועק? דו ווילסט עפעס אויפטון אין עולם הזה, דיין פלאץ איז נישט אינדרויסן, דיין פלאץ איז אין בית המדרש. **יאג דיך נישט, דאווען מלה במלה. אלעס וואס דו דארפסט האבן שפעטער, וועט אנקומען נאכדעם.** עס דארף זיין סמיכות גאולה לתפלה, נאך וואס מען גייט אוועק פון גאולה, דארף מען זיך נעמען צו תפלה.

**און** ווי מען האט פריער גערעדט, עס איז א זמן פון התבוננות, א מענטש דארף זיך שפאצירן און אומקוקן, ווען מען גייט ארויס אויף די וועלט פאר זומער. עס איז א וועלט וואס איז מלא נסיונות, זומער גייט מען אוועק פון שטוב, וואס דאס פאר זיך אליין, מען טוט נאכלאזן פון זאכן. מען פירט זיך בדרך כלל אינדערהיים אנדערש ווי מען פירט זיך אינדרויסן. יעצט איז די צייט וואס א מענטש מאכט זיינע פלענער אויף שפעטער, **מען דארף איבערטראכטן פאר מען גייט ערגעץ, וואו גיי איך גיין דעם זומער? וואס גיי איך האבן פון דעם זומער? גיין אויף א פלאץ ווי מען וועט קענען שטייגן אין תורה און יראת שמים, עס זאל ח"ו נישט זיין קיין ירידה פאר אים און די בני בית.** ווען מען גייט אן א חשבון, פאלט מען אדורך שפעטער. אבער אז מען מאכט א חשבון פאר דעם, ווייסט מען זיך אויסצורעכענען וואו מען דארף צו זיין.

*

**דער** עיקר וואס מען דארף צו געדענקען, אז בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל:), **אן תורה איז נישט דא קיין כח וואס מען זאל זיך קענען מתגבר זיין אויפן יצר הרע.** ב"ה אלע בתי מדרשים זענען פול מיט תורה, מען לערנט צופרי און ביינאכט. ווער עס איז נאך נישט צוגעשטעלט צו האבן א געהעריגע שיעור, איז דא היינט שיעורים אין יעדן מקום, וואס מען קען זיך צושטעלן דערצו, און מקבל זיין אויף זיך עול תורה. ווען מען איז ארויס פון מצרים איז טאקע געווען פיר לשונות פון גאולה (שמות ו-ו), והוצאתי, והצלתי, וגאלתי, אבער דער עיקר איז געווען ולקחתי אתכם לי לעם! מיט דעם האט זיך עס געענדיגט. מען גייט ארויס פון מצרים,

ווייל דער אייבערשטער וויל אונז נעמען פאר א פאלק, אונז זאל מיר זיין אן עם נחלה.

**דער** באשעפער זאל געבן אי"ה, מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב. דער יום טוב ברענגט השפעות טובות אין פרנסה, בפסח נידונין על התבואה (ראש השנה טז.), עס איז געווען קריעת ים סוף וואס קשה מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף (פסחים קיח.), און זיווגו של אדם איז קשה כקריעת ים סוף (סוטה ב.), אין די טעג איז דאך געווען קריעת ים סוף, מען איז אריבער דעם ים סוף, זאל עס איבערלאזן א השפעה אויף אונז, אויף אלע זאכן וואס איז קשה כקריעת ים סוף. דער אייבערשטער זאל העלפן, עס זאל זיין גוטע שידוכים אין אלע יודישע שטובער. דער באשעפער זאל געבן פרנסה אין אלע יודישע שטובער וואס מען דארף צו האבן, מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב, און זעהן נחת ביי אונזערע קינדער.

**דער** עיקר איז, יודען דארפן א גאולה. א גאולה פרטית און א גאולה כללית. גאולה פרטית דאס מיינט יעדער יוד אין זיין מצב וואו ער איז, דארף ער דאך האבן א גאולה, ארויסגיין פון זיין אייגענעם צרה, און פון זיינע אייגענע שוועריקייטן וואס ער האט. און כלל ישראל, אחינו בני ישראל אין ארץ ישראל, מאכן מיט אזעלכע שווערע זמנים. דער אייבערשטער זאל געבן אז מען זאל נישט האבן קיין שליטה אויף יודישע קינדער, עס זאל נישט זיין קיין פחד אין יודישע שטובער. די גאולה זאל ברענגען און מעורר זיין, סיי די גאולה פרטית ביי יעדן יוד, און דער עיקר די גאולה כללית, מען זאל זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.